# ישראל שטערן / ערשטנס, צווייטנס

*

די פאַרליבטע דעמערונג איז אומגעפאַלן. אויפן באַרג שטייט די נאַכט,
אין ביידע הענט — דעם שטורם.
די שטילקייט פון די טייכן האָט פאַר חרפה זיך דערטרונקען
דער טונקל האָט אַרויסגעריסן זייער פרישע רויטע צונג.
שרייען שטומע ווייטקייטן ווי ווייט ס'איז נאַכט געוואָרן
און די געליבטע הילף פאַרלאָשן.
דאָס האַרץ וועט אַרויספאַלן, פאַרמאַך די פענסטער.

דער ריח פון פאַרנאַכט האַנדערט זיס אים דורכן גומען,
מיט גאָלד-שירים אין די אויגן האַלט דער פישער נאָך זיין נעץ
און שלעפּט אַרויס... זיין צעוואַקסענע, שוואַרצע, דאָרשטיקע געשטאַלט.
מיר שפּיגלען זיך אין שטורם.
וואָלקן שרייען טיף, זיבנהימלש טיף,
פאַלן מיר אַריין מיט דער נאַכט איבערן קאָפּ,
און לאָזן אַראָפּ פון די אָרעמס די פורפורדיקע קינדהייט...
ווי קאַלטע ווינטן שטעכן די צאַרטע הויט פון פירמאַמענט.
דאָס האַרץ וועט אַנטלויפן, פאַרמאַך די פענסטער.

אין געקילטע טילער וויקלען שאָטנס ווי אַ קינד די איינזאַמקייט.
פירן זי צום ווייכן גרענעץ צווישן פעלד און דעמערונג,
ווו ביימער לעבן איינגעבויגן
אונטער דער לאַסט פון צופיל שווייגן...
מאַכן מיר די אויגן צו — וויג, וויג אונטער-ווינט!
פאַרקלעמען מיר די וויעס פעסט: פינטלעך... ליכטלעך... טאַנצן... שוועבן...
אין קאָלירן ליפּס שפּאַצירן דער שלאָף פון אונזער לעבן — —
טאָ ווער ווייסט קלאַפּט אין ווייטסטן טויער?
און אַז מיר עפענען זיך אויף:
די באַנג-בלאָ-געאָרימטע ערד און הימל
האָט אַ בליק די העלזער דורכגעמעסערט.
ווי בלוטיקע אָדערן ציען זיך שטראָמען פאַרנאַרן טיף אין נאַסע גריבער

דעם מענטש צוזאמען מיט זיין געוועקשאפט.
אונזערע רויטע אויגן שווימען עס, ווי דער טונקעלסטער עק
דונערט שוין דעם געזאנג פון דער נאכט
און די ערשטע שטערן לאכן
שלעכט
מיט אריינגעזעצטע זילבערנע אויגן.
דעלפער האבן נישט ווי זיך באהאלטן
און רייסן פון זיך שטיקער,
ווארפן קרבנות דעם שטורעם...
און דאס הארץ? — פארמאך די פענסטער!

*

ווי קאן מען אליין זיין?
דער שטורעם איז דא, און דער מענטש איז אין שטורעם, און דער מענטש איז זיך ווייס ווי וואלקן — פון הימל...

איז עמעץ נאך אונטן?
די ערד כאפט שטורמס צו זיך איף די אקסלען און דער מענטש איז זיך ווייט,
אן אויפגעהויבענער פליגל... ווי קאן מען אליין זיין?

ווי קאן מען א שטיין זיין, דער שטיין איז קיין שטיין נישט, דער שטיין איז א הייסער
און קאלט זיסע ברוקן פון בלוט.

ווער ווינט היינט אליין?
אין אויגוסט-שווייס לויפן איינזאמקייטן איבער שווינדל-טרעפ פון ווינט,
ברייען אפגעוויינטע הענט און צעפלאטשטן האריזאנט —
אפשר הענגט דארט זייער שולד...

ווי קאן מען אליין זיין און ריין זיין און טיף זיין, צום זאמדיקן ראנד שרייט דער קרישטאל
פון א טייך, ווי א מענטש שטייט און ווייַנט
אויס קנאה צו די פיש...

דער שטראם פון די הערצער איז אריבער די ברעגעס.
שטייען: באגינען און מיטאג און אוונט ביזן בליק אין געוויסער.
שיפט זיך די רויִקייט אהין און שיפל דאס ארעמט זיך...

ווי קאָן מען אַליין זיין ?
אין טרים טרימט דער שטורם, ווי אין אייזערנע צונג
אין אַ ווילבערנעם גלאָק...

דעמערונגען וועקן אויף דעם ייִד פֿון זייער דרימל,
רייסן זיך פֿון בלאָען בעט מיט אַ יללה: כּמאָרעס גייען
און מיר גייען אונטער !

ווער איז איצט אַליין ?
אויף די מידע מאַטע שויבן פֿאַלט די נאַכט ווי אַ קללה.
(נאָך קיינמאָל האָט זי נישט געזען אַזאַ גרויסן ווילדן קאַם)
שוידערן די פֿענסטער. די שמאָלע שוואַכע ווײַסע ראַמען גייען אויס.
די ווענט בייגן זיך אין טונקל, באַוואָגענע מיט שווערע שאָטנס,
ווי בילדער
פֿון געשטאָרבענע געליבטע. ווער וויינט היינט אַליין ?

*



ערשטנס, צווייטנס

כאַליאַסטרע (וואַרשע – פּאַריז, 1922–1924)

נומ' 1, [1922], זז' 30–32